STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04572

LIBE-REFLEKSN

Daniel Charney

Permanent preservation of this book was made possible by Helen & Mel Morgenstein & Harriet Strongin in memory of Martin Strongin & Mimi Baum Krinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דניאל טשאַרני

ליבע-רעפלעקסן

(1952 — 1907)

פאַרלאַג „ירושלמי"
ברוקלין, נ. י., 1952

Printed in U.S.A.

“LIBE-REFLEXN”

Poems

by

DANIEL CHARNEY

Liberty, N. Y.



דניאל טשאַרני

אין ליבערטי־סאַנאַטאָריע

Tel UL 6—0549

מאָלטאָליט אין „ירושלמי פּרעס"
1870 בראַון סט., ברוקלין, נ. י.

מײַן טײַערער פֿרײַנד [illegible] און פֿרױ
אין די װינטערדיקע אָװנטן אױך גוט צו
לײענען ליבע־לידער פֿון אײַער
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

דערקלערונג

ס׳איז אביסל געוואגט ארויסצוקומען
אין די איצטערדיקע טרעבלינקע־יארן מיט
א ציקל ליבע־לידער, אבער ס׳גלוסט זיך
מיר צו פארענדיקן מיין שרייבזיכטיק
לעבן פונקט אזוי, ווי כ׳האב אים געהאט
אנגעהויבן מיט 45 יאר צוריק אין ווילנע
און נעמליך: מיט ליבע און ליבשאפט צו
דער וועלט בכלל און צו דער פרוי —
בפרט.

ליבערטי, נ. י.
סעפט. 1952

אריינפיר

דאס, וואס קלעמט ביי מיר אין הארצן
וועל איך קיינעם זאגן,
שטילן, טיפן טרויער
דארף איך פאר זיך טראגן.

דאס, וואס בליט ביי מיר אין הארצן
קאנען אלע וויסן!
טראג איך גליק און ליבע –
זאל די וועלט געניסן!

ליבע און לעבן

כ׳האב די ליבעס און די ליבסטע
אײַנגעצאַמט אין פּערז און גראַמען.
יע, די ליבע לאָזט זיך צוימען,
ווען ס׳פֿאַרגייען אירע פֿלאַמען.

נאָר מײַן לעבן, מײַן לאַנג-לעבן
קאָן איך אין קיין ריטם צוימען –
קאָן מען דען אַ ים פֿאַרצאַמען,
ווען די ווילדע כוואַליעס שוימען?

אלע טרינקען

(אנאקרעאנטיש)

דער ים זויפט די טייכן,
די זון טרינקט די ימען
און ס'גיסן זיך נעפלען
מיט וואלקנס צוזאמען.

די ערד זויפט פון וואלקן
דעם פרוכבארן רעגן,
די ערד ווערט געזויגן
דורך אלערליי וועגן.

דורך ברונימער טיפע,
דורך בוימער און גרעזער
און ס'זויפן די מענטשן
פון פלעשער און גלעזער.

און איך טרינק, מיין ליבסטע,
דעם ליבע־וויין לוסטיק.
דיין מויל איז מיין בעכער
און כ'בין תמיד דורשטיק.

דער שיכורער שמעטערלינג

ס'האט היינט גאנץ פרי באפלאטערט
א שמעטערלינג ־ א בלום.
אויף יעדן בלאט האט נאך געפינקלט
א טוי־טראפן פארפיום.

ער האט דערשפירט פון ווייטנס
איר טיי־רויז־אראמאט ־
האט ער גאנץ צארט באציינטנס
באפליגלט יעדן בלאט.

איז ער, ווי שטארק באזאפן
פון צו־פיל דופט און לוסט
אין גראז באלד איינגעשלאפן,
ווי א קינד ביים ברוסט.

— — — — — — — — — — — — —

נאר ס'האט זיך אים געחלומט,
אז ר'האט נאך ניט בארירט
איין־איינציק וויכטיק בלעטל,
וואס צויבערט און פארפירט.

האט ער אויפסניי געפלאטערט
צו איר, צום זעלבן פלאץ,
נאר זי האט טויט־פארמאטערט
געוועלקט שוין אין א לאץ...

דיינע אויגן

דיינע אויגן שײַנען שטראַלן,
ווי דער מזרח אין פרימאָרגן.
אך, מיר דוכט, איך בין פאַרפאַלן —
כ'וועל נישט שלאָפן שוין ביז מאָרגן!

ס'וועט מיר ענג ווערן מײַן צימער —
וועל איך ס'פענסטער האַלטן אָפן
און אַ גאַנצע נאַכט ביים שימער
פון די שטערן וועל איך האָפן

און כ'וועל וואַרטן אויף דײַן קומען
ביז דער טאָג וועט זיך צעשטראַלן —
כ'וועל באַשיטן דיך מיט בלומען
און דו מיך — מיט דײַנע שטראַלן.

קום צו גיין

קום צוגיין, קום צוגיין היינט בײנאכט,
ווען דאס אויג פון דער וועלט איז פארמאכט,
ווען אויף אלץ רוט א בלאסלעכער שיין,
וואס באצויבערט און שלעפערט דיך איין.

קום צוגיין היינט בײנאכט אין דערשטיל
און נישט פרעג צוליב וואס פאר א ציל,
ווי עס פרעגט נישט דער פייגל ביים בוים
צוליב וואס קלייבט ער אויס דא זיין היים.

קום צוגיין און פארלעש מיין געדאנק
ר'איז פון לעבן פאר'סמט, ער איז קראנק.
וויג מיך איין אין דיין שויס, ווי א קינד,
מיט דיין שיין מאך מיך בלינד,
מאך מיך בלינד!

די שווייגערין

דו זאגסט נישט "יע", דו זאגסט נישט "ניין"
און קיינמאל ווייס איך נישט דיין מיין,
צי ליבסטו מיך, צי ליבסטו נישט?
צי איז דיין הארץ, ווי מיינס צעמישט?

דו ביסט פון לאנג שוין מיין פארלאנג,
נאר ס'טוט מיר שטענדיק אזוי באנג,
ווען כ'קוש דיך אזוי אפט און הייס
און דאך בלייבט פרעמד פאר מיר דיין שווייס.

און ווי ביים בענטשן שבת-ליכט –
פארשטעלסטו שטענדיק דיין געזיכט,
ווי דו וואלסט זיך פאר מיר געשעמט
און ס'ווערט מיין הארץ נאך מער פארקלעמט.

איך מוז דאך וויסן, וואס באטייט
דיין שווייגן-שטיל די גאנצע צייט?
צי ליבסטו מיך, צי ליבסטו נישט,
צי איז דיין הארץ, ווי מיינס צעמישט?

עפּעס מערער

דו ביסט מיר נאָר אַ חבר'טע
און איך בין דיין פאַרערער,
נאָר אפשט, גאַנץ אפשט פאַרגלוסט זיך מיר
צו ווערן עפּעס מערער!

יע, אפשט אין צייט פון שטימונגען,
ווען ס'האַרץ ווערט שווער און שווערער —
פאַרשווייג איך דיר מיין קלעמעניש
און עפּעס־וואָס נאָך מערער!

אפשט ווייז איך דיר דעם נאַכט־הימל
גלייך ווי אַ שטערנזעער,
נאָר כ'קוש דערביי דאָס הענטל דיינס
און כ'וויל נאָך עפּעס מערער!

די שטאלצע

ווי שטאלץ דו טראגסט דיין קאפ,
ווי פריינטליך ס'איז דיין מינע.
מען מיינט, דו ביזט אראפ
אקארשט פון א וויטרינע.

ווי שיין ס'איז דיין "איינפאס",
דיין פראפיל איז נאך שענער!
עס בלייבן שטיין אין גאס
פארגאפטע אלע מענער.

און יעדע פרוי מוז באלד
זיך אומדריין מיט קנאה
באטראכטן דיין געשטאלט
און נאכמאכן דיין מינע.

יע, ביסט אריגינעל!
איך הער, דאס זאגן אלע.
איך גיי דיר נאך און קוועל,
ווי דו וואלסט זיין מיין כלה.

שפּיצן

עס איז באַזוימט מיט שפּיצן
דיין גאַנצער טואַלעט:
די בלוזן און די העמדער,
די קאָלדרע אויף דיין בעט.

און פֿיל איז אויך דיין וועזן
מיט שפּיצן בלערליי,
זיי פּלאַטערן כּסדר —
איך פּלאַטער מיט מיט זיי.

מגן דוד'ס

איך קוש דיר אויס א מגן דוד –
דו זאלסט מיר געהיילקט ווערן:
דיינע אויגלעך און דיין מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

דו נעמסט אן דאס שפיל פון ליבע,
ווי א געטליכע רפואה,
בעסט, וואס מערער מגן דוד'ס,
ווי סע פאסט זיך פאר א צנועה.

און איך לאז זיך לאנג נישט בעטן –
כ'מגן דוד דיר גאנץ גערן
דיינע אויגלעך און דעם מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

פוסט און וויסט

האסט אמאל איינגעפינגערט ס'הענטל דיינס
אין מיינער אזוי פעסט,
ווי דו וואלסט קיינמאל מער זיך וועלן
מיט מיר שיידן –
האב איך אריינגעקושט אין דעם צעפינגערדיקן
ליבע-נעסט,
מיין לויבגעזאנג צו גאט
אין נאמען פון אונז ביידן.

און אט האסטו מיט דיינע ליפּלעך
פארזיכטיק באריִרט
מיין אויסגעצערטן און פאר'צער'טן ליבּ –
גלייך האבן אלע מיינע גלידער
טיף דערשפּירט
אין זיך די גרויסע פרייד פון ווייב.

נאר פּלוצלונג ווערסטו גאר
אינמיטן שפּיל פארשוואונדן,
דו ווייסט אליין נישט דענסטמאל
ווער און וואו דו ביזט? –
אנטלויף איך דאן צו זיך,
צו מיינע לידער-וואונדן
און ס'לעבן מיינס ווערט שרעקליך פּוסט
און וויסט.

א יידישע טאכטער

ביזט שווארץ, ווי א מילאטקע
און שלאנק, ווי א פראנצויזין,
און פונקט, ווי ביי א שוועדין
איז צארט דיין ליב, ווי רויזן.

און גלייך, ווי א ציגיינערין
פארמאגסטו הייסע בלוטן,
נאר מיידסט אויס, ווי א יידישע
די זודיקסטע מינוטן.

איך פיל, פון הייסער ליידנשאפט
פארגייט דיר יעדער אבר,
נאר ס'יידישע, דאס ניכטערע
איז שטענדיק ביי דיר גובר.

אינדערמיט

אײנע איז בלאַנד, די צװײטע
איז שװאַרץ –
לוסטיקע חבר'טעס צװײ.
האָב איך אַן אומרויִק־לעבנדיק
האַרץ –
ציט מיך צו זײ.

אַ סאַפּקע אַ װײַכע,
אַ צימער אַ קלײנס,
כ'זעץ זיך אַװעק אינדערמיט.
דער שפּיגל אַנטקעגן –
ער שמײכלט פֿאַראײנס:
– איר זײַט זעלבאַדריט!

נאָר גוט איז צו זײַן זעלבאַדריט,
װי בײנאַנד
און ליבן אַזױ ניט־געשטערט,
כ'צערטל אין טונקל אַ װאַרימע
האַנט,
נישט װיסנדיק װעמס זי געהערט?

נאָר שפּעטער בײנאַכט,
װען זײ בלײַבן אַלײן,
זײ קוקן זיך אָן, װי פֿאַרשעמט

און יעדערע טראכט, אך,
ווער איז דען זיין מיין?
און עס ציט און עס קלעמט.

נאר כ'ווייס נישט אליין,
ווער פון זיי ציט מיין הארץ
און באשטראלט מיין געמיט?
יע, איינע איז בלאנד
און די צווייטע איז שווארץ
און איך – אינדערמיט!

די פערטע

דער בריוװטרעגער האט מיר דריי בריוולעך
געבראכט
פון דריי גאנץ פארשיידענע
קאנטן,
דאס האבן דריי מיידלעך איינציייטיק
פארטראכט
דריי בריוולעך צו זייער
באקאנטן.

יעדערע שרייבט, אז זי בענקט שטארק
נאך מיר,
אז לאנגװייליק איז איר
דאס לעבן,
כ'זאל ווידער קומען, וואס גיכער
צו איר
און נעמען איר ליבע
און געבן!

און יעדע איז זיכער, אז זי
נאר אליין
באגרייפט מיין ציגיינערשן
וועזן,

נאר זי קאן מיין וואנדלען
און שטרעבן פארשטיין
און מאכן מיין הארצוויי
גענעזן.

האב איך צו די מיידלעך
דריי ענטפערס געשיקט
אין דריי גאנץ־פארשיידענע
ערטער,
אז ס'האט נישט קיין איינע
פון זיי מיך באגליקט,
אז כ'בענק שוין אצינד
נאך דער פערטער.

א קאראהאד

א קאראהאד, א קאראהאד
און איך וועל זיין אינמיטן!
מיידלעך וועלן דרייען זיך
און איך וועל זיין אינמיטן!
א קאראהאד, א קאראהאד
און אויגן וועלן בליצן,
פאכן וועלן האלז-טיכלעך
מיט פיין-געוועבטע שפיצן.
פאכן וועלן הערצער פיל
און גליען, ווי די קוילן,
פלאפלען וועלן ליפן שטיל
און בעטן וואס דערציילן:
א מעשה'לע, א לידעלע,
א רמז אינדערמיטן —
מיידלעך וועלן דרייען זיך
און איך וועל זיין אינמיטן!

א יידיש הויז אין דעטראיט

א פולע הויז מיט וואונדערלעכע
לאמפ־פיגורן –
ס׳לויכטן ים־פיש, אדלערס
און זשיראפן.
די למד־קעפ פארהימלט אונטער בונטע
אבאזשורן,
ווי שטיקער נאכט־זונען דורך מענטשן־הענט
באשאפן.

פון אלע ווינקלען פינקלען גאלד־
און זילבער־אותיות
אויף רוקנס לעדערנע פון ספרים
און פון ביכער.
(דער קאווע שמעקט, ווי וויין
פון פסח׳דיקע כוסות –
ווערט אויך מיין וואנדער־רוקן
לעדער־פעסט און זיכער!).

איך פיל, ווי ס'אטעמען די ווענט
מיט רו און נחת־רוח
און טעכטער יידישע מיר שמייכלען:
אסתר, ברכה, רינה! –
ס'ווערט יעדער נאמען זייערער
א נייער בלאט אין מיין באיארטן לוח,
א שטיק פארגאנגענהייט באשטראלט
מיט גינגאלד פון באגינען.

גייט אויף אין מיר א גרויסע ליבשאפט
צו די אלע מענטשן,
וואס האבן אונטערוועגס מיך באלויכטן
און דערהויבן.
איך וועל זיי שוין אויף אלע מיינע
וואנדער־וועגן בענטשן
און אונדזער מעשי בראשית־מייסטער
אָן אַן אויפהער לויבן.

א פּאָסט־קאַרטל

האָסט לאַנגע־לאַנגע יאָרן
מיר לאַנגע בריוו געשריבן,
נאָר ס'איז מיר לאַנג געוואָרן
דיך לאַנגווײַליק צו ליבן.

עס ווערט דער קלענסטער טעות
דורך בריוו קיינמאָל נישט קלערער,
אַ שאָד די פּאָסט־הוצאות
און עפּעס־וואָס נאָך מערער!

מיין ענטפער

דו שרייבסט מיר, קינד, ס'וועט זיין צו־שפעט
און קלינגען פרעמד וועט מיין געבעט,
ווען איך וועל קומען ווען צודיר
פון ווייטן לאנד פארשטויבט און מיד
און ליבליך קלאפן אין דיין טיר –
עס וועט ארויס א פרעמדער איד!

דו שרייבסט מיר אויך – פארבלייבסט געטריי,
וועסט מיך געדענקען סיי־ווי־סיי,
וועסט מיך דערמאנען אינדערשטיל.
אך, נאריש קינד, ביזט ריין פאר מיר,
נישט דו ביסט דאך געווען מיין ציל,
מיך ט'נאר געריצט דער וועג צו דיר.

צו איינער

כ'ווייס, איך וועל עס באלד דערהערן,
ווען אן אנדערן געהערן
און אן אנדערער וועט קושן
דיין באלאקטן ווייסן שטערן
און סט'זיך לאזן פון א צווייטן
אנטאן דעם טבעת־קדושין.

און דער צווייטער וועט פארשפרייטן
איבער דיר זיין שטארקן ארעם –
ר'וועט דיך צערטלען און נישט פילן,
אז דיין הארץ איז פול מיט קברים,
אז נישט ער דיין הארץ קאן שטילן!

איך אליין נאר, איך וועל וויסן
פארוואס ביינאכט ווערט נאס דיין קישן,
פארוואס דיין הארץ פארגייט אין טרערן,
ווען דער פרעמדער קושט דיין שטערן.
איך אליין נאר וועל דאס וויסן
און דיך לאזן שטיל געריסן!

מענש און פרוי

כ'ליב אין דיר דעם מענש נאך מערער
ווי די פרוי,
פרויען אפט פארראטן, נאר מענש
בלייבט שטענדיק מענש.
ווייס איך, אז מיין ליבע וועט דיר
קיינמאל ניט פארשאטן –
אט אזא מין ליבע האט גאט אליין
געבענשט.

קוש איך וועט דיין האנט –
קושט דיך דאן אויך גאט.
גאט און מיר ווערט עלענד,
פונקט ווי איך און דיר.
קום איך וועט צו דיר מיט זיינע
צען געבאט –
ווערט דאן גאט אליין דער וועכטער
ביי דיין טיר.

די פארפירערין

דו ווערסט פאר מיר גאנץ אפט
שוין צו־פיל קאמפליצירט
און כ'ווייס נישט דענסטמאל
ווער און וואס דו ביזט?
איך ווייס נאר, אז דו האסט
אויך מיך פארפירט,
נאר כ'בין פון דיר פארפירט געווארן
נישט אומזיסט!

ביזט מענש, ביזט פרוי
און עפעס־וואס נאך מער!
און איך וויל שטענדיק ווערן
עפעס מערער נאך פון דיר.
נאר אפטמאל ווערט מיר
אזוי פיינליך־שווער,
ווען איך מוז אויסמיידן
דיין אפגעשלאסן טיר.

דאך וועל איך ווייטער אנהאלטן
מיין ליבע־שפיל,
כאטש כ'ווער אן דיר צעטומעלט
מער נאך ווי איך בין.
ס'איז גוט אזוי צו ליבן
אן קיין צוועק און ציל,
ווייל אויך גענארטע ליבע
טראגט אין זיך א טיפן זין.

צו א פארליבטן נאר

אויך ליבע קאן באלעסטיקן
נאך מער, ווי איגנאראנץ,
ווייל ליבע וויל זיך פעסטיקן
און נעסטיקן דוראווים און גאנץ!

צי קאן מען דען זיך איינשרויפן
אין צווייטנס הארץ מיט גוואלט:
ווי לאנג וועסטו ארומלויפן,
ווי ווילדער וואלף אין וואלד?

צי קאנסטו דען זיך איינבייסן
אין דיין געליבטערס לייב?
און קאנסטו דען זיך איינרייסן
מיט מאמע־שוועסטער־ווייב?

הער אויף שוין צו פארשענקען זיך
און פאלן נאר צולאסט.
דו ווארט ביז זי ט'פארבענקען זיך
און רופן דיך צוגאסט...

דער פארלאזטער טראן

דער שטול אויף וועלכן דו ביזט נעכטן
ערשט געזעסן
זעט אוים שוין היינט,
ווי א פארלאזטער טראן.
עס איז אוועק פון אים
מיין הארץ־פרינצעסין
און ליידיג איז מיין גלעזערנער
סאלאן.

ערשט נעכטן האבן מיר צוזאמען
דורך די שויבן
באוואונדערט ס'רויטע ליכט
פון זון־פארגאנג.
אויך דעמערונג קאן אנפילן
מיט נייעם גלויבן
צוויי הערצער, ווען ס'באהערשט זיי
איין פארלאנג.

דו ביזט אוועק, נאר כ'וויים —
דו וועסט דאך קומען ווידער
באוואונדערן מיין לעצטן
זון־פארגאנג.
איך וועל באקרוינען דיך
מיט נייע שקיעה־לידער
און נישט אומזיסט וועט זיין צו מיר
דיין גאנג!

וואו ביזטו?

וואו ביזטו, הארציקע, פארשוואונדן
און געלאזט מיך גאנץ אליין!
איך האב געליבט דיך אזוי ריין –
וואו ביזטו, הארציקע, פארשוואונדן?

ווער שפילט זיך איצט מיט דיינע לאקן,
ווער צערטלט איצט דיין זיידן-הויט?
איך האב אויף דיר מיין גליק געבויט –
ווער שפילט זיך איצט מיט דיינע לאקן?

א וואו פארשווענדעסטו דיין ליבע
און ווער ווערט שיקער פון דיין בליק?
אן אנדערער בויט איצט זיין גליק
אויף דיין פארשווענדערישער ליבע!

מיין הארץ גייט אויס נאך דיר אין בענקען,
מיין אויג איז שטענדיק טרערן־פייכט.
דו האסט פארלאזט מיך אזוי לייכט
און דאך איז שווער אזוי דאס בענקען!

זיי געזונט

מיין הארץ גייט אויס נאך דיר אין בענקען,
מיין הארץ גייט אויס אין שטילן וויי,
צי וועסטו כאטש אמאל געדענקען,
אז איך האב דיך געליבט אזוי?

צי וועסטו כאטש אמאל געדענקען,
ווי טיף דו האסט געמאכט מיין וואונד?
איך ווייס,איך וועל שוין אייביק קרענקען,
נאר דו, א, דו, פארבלייב געזונט!

א שפיל אין וואלד

זיי א חתן, איך - א כלה
און די בוימער - מחותנים.
פון די בלעטער וועל איך מאכן
זיך א דעקטוך אויפן פנים.
דו, פליק גראז און פלעכט א רינגל,
ביי א בוים וועסטו זיך שטעלן.
זיבן מאל וועל איך זיך דרייען,
פייגלעך-קלעזמער וועלן טרעלן.

"הרי את" וועסטו מיר זאגן,
איך וועל שטיין און וועל זיך שעמען,
נאכדעם וועסטו מיך א קוש טאן
אין די ליפן און מיך נעמען.
כ'ריים שוין בלעטער, כ'מאך א דעקטוך,
דו פליק גראז און פלעכט א רינגל!
- - - - - - - - - - - - - - - -
וואס? האסט מורא זיך צו שפילן?
עך, דו נאריש-נאריש אינגל!

בענקשאפט

אך, עס בענקט זיך מיר נאך יענע
לעגענדאריש־שטילע ערטער,
וואו דו האסט אין שטילן צויבער
זיך אנטפלעקט פאר מיר אן ווערטער.

עס האט דענסטמאל די לבנה
אין דעם וואלד געריכערט קטורת
און אט דארט ביזטו געשטאנען,
ווי א קינד פון אלטע דורות,
ווי א פרוי צו שמנה עשרי,
ווי די פרימסטע פרוי פון פרויען –
האט זיך מיר גראד דאן פארגלוסט זיך
דיר מיין ליבע־סוד פארטרויען,
נאר עס האבן וואלד און הימל,
ווי פארשלונגען מיינע ווערטער –
בענק איך נאך ביז היינט נאך יענע
לעגענדאריש־שטילע ערטער.

רעפלעקסן

ס'טרעפט אמאל – דו קומסט צו מיר א פרעמדע
און א ווייטע,
ווי דו וואלסט אויטאמאטיש
אויסגעפילט א פליכט.
דאס זיינען נאך רעפלעקסן פון די אלטע
גוטע צייטן,
ווען ס'האבן נאך געברענט ביי דיר
די שבת-ליכט.

איך קוק אויף דיר און טראכט,
ווער צווינגט דיך דען צו שטייגן
אויף יענע שווערע שווינדל-טרעפ,
וואס פירן דיך צו מיר?
ניין, שוועסטער מיינע,
עס איז שווער צו-לאנג צו לייגן
מיט שליסלען פרעמדע
אויף א שלאס פון טיר.

מיין טיר, זי שטייט דאך שטענדיק
פאר דיר אפן,
ווי אפן ס'איז פאר דיר
מיין גרויסער ליבע־צער!
נאר כ'ווייס, ווען איך וועל זיין
אויף אייביק איינגעשלאפן —
וועסטו דאך אויך א טרער פארגיסן
אויף דעם אלטן נאר.

פייכטע אויגן

אין דיינע גרויסע פייכטע אויגן
ליגט פארשטעקט א טיפער צער.
זיץ איך לעבן דיר געבויגן,
ווי א פארליבטער נאר.

דו שווייגסט און איך — איך פלוידער,
ווייל איך בין דאך א נאר!
נאר פלוצלונג נעמט מיך דורך דער שוידער
פון דיין פארשטיקטן צער.

ווערן מיינע אויגן פייכט, ווי דיינע
און איך פארשלינג א טרער.
אנטלויף איך צו די קישנס מיינע
און כ'וויין אין זיי נאך מער!

איך רייד...

איך רייד צו דיר אפט,
ווי א טאטע צום קינד
מיט אומרו און שרעק.
איך ציטער, עס זאל נישט אויף דיר
פון מיין זינד
פארבלייבן א פלעק.

איך רייד צו דיר אפט אזוי שטיל
און אינטים,
ווי א מאן צו א ווייב.
דו הערסט און דו שווייגסט,
נאר איך בענק נאך דיין שטים,
ווי איך בענק נאך דיין לייב.

איך רייד צו דיר אפט,
ווי א קינד צו זיין "מא",
וואסווארט אויף א גלעט...–

– – – – – – – – – – – – –

האסט קיינמאל געזען
נאך א ליבע אזא,
וואס קומט שוין צו־שפעט!

ווי אזוי כ׳בין געווארן א דיכטער

איך דערקלער זיך דיר אין ליבע
אויף פארשיידענע מאניערן,
ווייל דערקלערונגען אין ליבע
האסטו, ווייס איך, ליב צו הערן.

נאר נישט אלע קאנען, ליידער,
אין זיכרוף דיר פארבלייבן –
בעסטער מיך – איך זאל מיין ליבע
מיט פערז און גראמען דיר באשרייבן.

אט אזוי בין איך א דיכטער
אומגעריכטערהייט געווארן,
נאר איך ציטער, אז אין דיכטונג
קאן די ליבע גיין פארלארן!

שטאט דיין הארץ – זוך איך דעם טינטער,
נאר טינט און פעדער מאכן ניכטער! –
אט אזוי האט מיך דיין ליבע
גאר פארוואנדלט אין א דיכטער!

פסולת

איך האב דיך, ליבע שוועסטער,
ניט איין מאל שוין באזונגען,
ניט איין מאל שוין געקושט אין שכרות
דיינע גלידער
און ווידער איבערלעבט דאס,
באשרייבנדיק אין לידער –
האב איך דיך, ליבע שוועסטער,
ניט איין מאל שוין באזונגען.

איך האב שוין ניט איין העפטל
וועגן דיר פארשריבן
און הונדערט נעכט אוודאי
אין בענקען ניט דערשלאפן.
ס׳פארבלייבט פאר דיר מיין הארץ
אויף אייביק אפן –
האב איך שוין ניט איין העפטל
וועגן דיר פארשריבן.

איצט זענען פון דיין ליבע
די לידער נאר פארבליבן,
זיי ליגן פונקט, ווי שמות
פון הייליק־אלטע ספרים.
און ס'ליגן אויך אין הארצן זכרונות,
ווי די קברים,
און ס'איז מיר פון דיין ליבע
די פסולת נאר פארבליבן.

ליבע-ווייטיק

וואס מער איך שרייב דיר לידער –
אלץ מערער ווילט זיך שרייבן,
ווייל עפעס נישט באזונגען
מוז שטענדיק דאך פארבלייבן.

און קוש איך דיינע פינגער –
פארגלוסט זיך קושן ווידער,
ווייל דורך די פינגער קוש איך
אלע דיינע גלידער.

נאר דיינע אויגן פרעגן:
צו וואס איך האב עס נייטיק? –
צי ווייסטו נישט, אז דאניע
האט ליב דעם ליבע-ווייטיק!

צי פילסטו נישט, ווי האסטיק
עס קלאפט מיין הארץ שוין ווידער,
ווען כ'קוש דיר דיינע פינגער,
ווען כ'שרייב דיר מיינע לידער.

פאר דיר

איידער איך שרייב פאר דער וועלט —
מוז איך וואס שרייבן פאר דיר.
איך ווייס, אז אויך דיר אפט געפעלט,
ווען פען זיך באהעפט מיט פאפיר.

מיין פען מוז צושערשט זיין געפילט
מיט ליבע־עקסטאז, ווי מיין ליב.
זי זינגט דאן, זי וויינט און זי שפילט
מיט גלאטן פאפיר, ווי מיט ווייב.

יעדעס ווארט ווערט שוין דאן א סימבאל,
יעדער קוש ווערט פארוואנדלט אין ליד.
אזוי ווערט אויך גליענדיג שטאל
געהאמערט, געפורמט ביים שמיד.

יע, ס'פרייט זיך מיין הארץ און עס קוועלט,
ווען פען זיך באהעפט מיט פאפיר!
נאר איידער איך שרייב פאר דער וועלט —
מוז איך עפעס־וואס שרייבן פאר דיר.

א דאנק

איך דאנק דיר,פרוי,פאר אלע מיינע בריוו
און לידער,
איך שרייב זיי יעדן טאג נישט נאר מיט טינט
אליין,
איך ווייס אליין נישט,ווי אזוי דו האסט
געעפנט ווידער
מיין לאנג-פארשטאפן דיכטער־קוואל
פון פרייד־געוויין.

איך ווייס, די זון גייט אויך און זי פארגייט,
אזוי איז אויך די ליבע.
אויך איך וועל דאך ביי דיר פארגיין
אין דיינס א טרער,
די לידער אבער וועלן בלייבן
און אין טעג אין טריבע –
וועסטו זיי ווידער לייענען
און בענקען נאך מיר מער!

פון דעמזעלבן מחבר זיינען דערשינען:

1) "לייכטע פערזן", פארלאג "קולטור", ריגע, 1925

2) "משפחה־כראניק", פארלאג ב.א.קלעצקין, ווילנע, 1927

3) "אונטערוועגס" (לידער), בערלין, 1929

4) "בארג־ארויף" (מעמוארן), פארלאג "ליטעראַרישע בלעטער", ווארשע, 1935

5) "א יארצענדליק אזא" (מעמוארן) 1914־1924.

פרעמירט געווארן פון דעם לואיס לאמעד־פאנד.

6) "אויפן שוועל פון יענער וועלט", (מעשיות פון א לונגען־סאנאטאריע), ניו־יארק, 1947

פרעמירט געווארן פון דעם צבי קעסל־פאנד אין מעקסיקע.

7) "לידער־אלבאם", אילוסטרירט פון בען, פארלאג א.ב. צעראטא, פּאריז, 1950

8)"דוקאר" (קינדער־יארן), פארלאג
טינט און פעדער", טאראנטא,1951

9)"ווילנע"(יגנט)!ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל־פארבאנד פון די פוילישע יידן
אין ארגעטינע, בועגאס־איירעס,1951.

אינהאלט:

ארינפיר־ליד.................... 4
ליבע און לעבס.................... 5
אלע טרינקען.................... 6
דער שיכורער שמעטערלינג.............. 7
דיינע אויגן.................... 8
קום צו גיין.................... 9
די שוויגערין.................... 10
עפעס מערער.................... 11
די שטאלצע.................... 12
שפיצן.................... 13
מגן דוד'ס.................... 14
פוסט און וויסט.................... 15
א יידישע טאכטער.................... 16
אינדערמיט.................... 17
די פערטע.................... 19
א קאראהאד.................... 21
יידיש הויז אין דעטרויט.............. 22
א פאסט־קארטל.................... 24
מיין ענטפער.................... 25
צו איינער.................... 26
מענטש און פרוי.................... 27
די פארפירערין.................... 28
צו א פארליבטן נאר.................... 29
דער פארלאזטער טראן.................... 30

וואו ביזטו?........................31
זײַ געזונט!........................32
א שפּיל אין וואלד..................33
בענקשאפט..........................34
רעפלעקסן..........................35
פּיכטע אויגן......................37
איך רייד...........................38
ווי אזוי כ'בין געווארן א דיכטער..39
פסולת..............................40
ליבע־ווייטיק.......................42
פאר דיר...........................43
א דאנק............................44